# קאוויד-19 באהאנדלונגען זענען דא צו באקומען

קאוויד-19 באהאנדלונגען קענען פארקלענערן די צאל פון דעם ווירוס אין אייער קערפער, פארגרינגערן סימפטאמען און אייך העלפן פארמיידן א רייזע צום שפיטאל. באהאנדלונגען ארבעטן דאס בעסטע ווען איר הויבט אן נישט לאנג נאך איר ווערט קראנק, און דערפאר איז עס וויכטיג זיך באלד צו טעסטן אויב איר האט סימפטאמען.

**אויב איר טעסט פאזיטיוו, רופט אייער דאקטאר אדער 212-268-4319 צו פרעגן איבער באהאנדלונגען.**

## וועלכע סארטן באהאנדלונגען זענען דא?

אנטי-ווירוס פילן (איינגענומען דורך די מויל פאר פינף טעג) זענען די מערסט פארשפרייטע סארט באהאנדלונג. מענטשן פון 12 יאר און עלטער וועמען'ס סימפטאמען האבן זיך אנגעהויבן אין די פארגאנגענע פינף טעג קענען באקומען אנטי-ווירוס פילן באהאנדלונג, אויב זיי זענען בארעכטיגט.

קינדער אונטער 12 יאר אלט אדער מענטשן וועלכע קענען נישט איינגעמען קיינע אנטי-ווירוס פילן קענען מעגליך באקומען אנדערע סארטן באהאנדלונגען.

## ווער איז בארעכטיגט פאר באהאנדלונגען?

מענטשן וועלכע טעסטן פאזיטיוו פאר קאוויד-19 (נוצנדיג סיי וועלכע סארט טעסט) און האבן סימפטאמען קענען זיין בארעכטיגט צו באקומען באהאנדלונגען.

פרעגט זיך נאך איבער באהאנדלונגען, באזונדערס אויב איר:

- זענט 65 יאר און עלטער
- האט אן אנדערן געזונטהייט פראבלעם, צום ביישפיל איבערוואגיגקייט, צוקער קראנקייט, הארץ קראנקייט, לונג פראבלעמען, נירן קראנקייט, אן אפגעשוואכטן אימיון סיסטעם אדער אויב איר זענט טראגעדיג

זאגט פאר אייער דאקטאר אויב איר נעמט סיי וועלכע מעדיצינען, אזוי ווי דאס קען אפעקטירן די סארט באהאנדלונג וואס איר קענט באקומען.

## וויאזוי קען איך באקומען באהאנדלונגען?

אויב איר טעסט פאזיטיוו, רופט באלד אן אייער דאקטאר. אייער דאקטאר קען אייך פארשרייבן א באהאנדלונג אין די פארעם פון אנטי-ווירוס פילן אויב איר זענט בארעכטיגט אדער קענען זיי אייך העלפן טרעפן אנדערע באהאנדלונג אפציעס.

איר קענט אויך:

- טרעפן א "Test & Treat" (טעסט און באהאנדלט) NYC Health + Hospitals פלאץ אויף **nyc.gov/covidtest** אדער דורכן רופן 212-268-4319 אדער **311**.
- באזוכט די פעדעראלע וועבזייטל צו טרעפן "Test to Treat" (טעסט צו באהאנדלען) פלעצער אויף **aspr.hhs.gov/TestToTreat**.

## וויפיל קאסטן באהאנדלונגען?

אנטי-ווירוס פילן זענען יעצט אומזיסט. אנדערע סארטן באהאנדלונגען קענען מעגליך קומען מיט א קאסט — פרעגט זיך נאך ביי די אנשטאלט וואס גיבט די באהאנדלונג און ביי אייער העלט אינשורענס פירמע איבער סיי וועלכע קאסטן וואס איר דארפט מעגליך צאלן. NYC Health + Hospitals שטעלן צו באהאנדלונג און קעיר אפגעזעהן פון אימיגראציע סטאטוס אדער מעגליכקייט צו באצאלן.

?

וואקסינאציע איז די בעסטע וועג צו באשיצן זיך אליין, אייער פאמיליע און אייער קאמיוניטי פון קאוויד-19. צו טרעפן א וואקסינאציע פלאץ, באזוכט **nyc.gov/vaccinefinder** אדער רופט 877-829-4692.